בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת יתרו | גליון קלה שנה ד

בהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א



# געהערט, פארשטאנען, אבער וואס טוהט מען מיט דעם?

פרשת יתרו איז לכאורה די חשוב'סטע סדרה אין די תורה, דא האבן מיר באקומען די תורה, מיר זענען געווארן א "עם סגולה", דא ליגט די יסוד פון כלל ישראל און די תכלית פון די גאנצע בריאה, ס'וואלט זיך געפאסט אזא פרשה זאל אויך האבן א פאסיגע נאמען פרשת משה אדער פרשת קבלת התורה, אבער ניין, די פרשה הייסט יתרו, פארוואס איז דאס אזוי אויס געשטעלט? וואס האט יתרו מיט קבלת התורה?

בכלל ווען מיר ליינען די ערשטע פסוקים ווי די תורה דערציילט אונז די גאנצע מעשה מיט א לאנגע אריכות ווי יתרו דער שווער קומט באזוכן זיין איידעם משה רבינו, ס'איז טאקע זייער וויכטיג צו וויסען אבער פארוואס איז דאס געשריבן דווקא דא פאר קבלת התורה, וואס האט דאס צו טוהן מיט קבלת התורה, בפרט ווען מיר ווייסן אז די מעשה איז געשעהן נאך קבלת התורה?

די פרשה הייבט אן מיט די ווערטער "וישמע יתרו" יתרו האט געהערט, רש"י פרעגט גלייך "מה שמועה שמע ובא?" וואס האט ער געהערט? ענטפערט רש"י קריעת ים סוף ומלחמת עמלק, די צוויי גרויסע ניסים דעם נס פון קריעת ים סוף און דער נס ווי אזוי מ'האט באזיגט עמלק, און דאס האט אים גורם געווען צו קומען.

לכאורה איז דער רש"י זייער שווער צו פארשטיין, וואס איז בכלל די שאלה וואס רש"י פרעגט "מה שמועה שמע"? די תורה שרייבט דאך בפירוש אין פסוק "כי הוציא ה' את ישראל ממצרים" איז וואס פרעגט רש"י, און נאך מער וואס איז דער תירוץ פון רש"י אז ער האט געהערט קריעת ים סוף מיט מלחמת עמלק די תורה שרייבט דאך בפירוש עפעס אנדערש? איז וואס איז דא פשט אין דעם רש"י?

שפעטער אין פסוק דערציילט אונז רש"י אז יתרו האט געהאט זיבן נעמען, איינע פון די נעמען איז געווען "יתר" און נאך ווען ער האט זיך מגייר געווען האט מען אים צו געלייגט דעם אות "ואו" צו זיין נאמען און ס'איז געווארן יתרו, פארוואס דווקא דעם אות "ואו"? וואס האט דאס מיט זיין גיור?

ווען מ'קומט צו מתן תורה זאגט משה פאר כלל ישראל "אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים" - איהר האט דאך געזעהן וואס איך האב געטוהן צו מצרים, "ועתה, אם שמע תשמעו" - און יעצט זאלט איהר וויסן צו צוהערן צו וואס איך זאג אייך, וואס וויל דא משה? פארוואס דערמאנט ער דא נאכאמאל יציאת מצרים מיר געדענקען דאך אלע די מעשה וואס איז נישט לאנג צוריק געשעהן צו וואס פעלט עס אויס צו דערמאנען יציאת מצרים פונקט יעצטווען מען גרייט זיך צו קבלת התורה?

*

די הייליגע שטאט ירושלים איז געווען טיף אין מיטן א מלחמה, באמבעס זענען געפלויגן פון אלע זייטן, די אראבער האבן זיך דערנענטערט, די סכנה איז געווען זייער גרויס און מ'האט געמוזט אנטלויפן צו א זיכערע פלאץ.

יעדער האט זיך געגרייט צו אנטלויפן, אבער קיינער האט נישט געוואוסט צו ווי.

צווישן די אלע וואס זענען אנטלאפן איז אויך געווען פאמיליע אויערבאך מיט זייערע קינדער, די בחורים האבן געהאלפן צו שלעפן די זעק מיט די ביסל קליידער וואס זיי האבן געהאט, די טעכטער האבן געשלעפט אויף זייערע הענט די קליינע קינדער וואס האבן שוין נישט געהאט כח צו גיין, די מאמע מיט די קליינע בעיבי איינגעפאקט אין איהרע הענט, און אזוי זענען זיי ארויס געלאפן פון שטוב זיכן א רוהיגע פלאץ זיך צו באזעצן.

נאך אפאר שעה פון שרעק, לויפנדיג דורך אראבישע גאסן זענען זיי אנגעקומען צו די נייע שטאט און דארט געטראפן א רוהיגע ווינקל ווי זיך צו באזעצן.

זיי האבן באקומען א הויז צוזאמען מיט נאך א משפחה און זיי האבן זיך געדארפט מיט זיי צוטיילן מיט'ן פלאץ.

די גרויסע פראבלעם איז אבער געווען אז דער שותף וואס זיי האבן באקומען איז געווען א ציוניסטישע יוד וואס האט נישט געהיטן תורה און מצוות, וואס טוהט מען? ווי אזוי קען מען וואוינען מיט אזא זאך אין איין הויז?

נאך וואס מ'האט צוטיילט די שטוב אויף צוויי און געמאכט זיכער אז מ'זאל זיך נישט צומישן צו פיהל, איז די רעבעצן אויערבך אריין צו די נייע שכנים.

איך בעהט אייך זייער - האט זי געזאגט - איהר זאלט מכבד זיין די יידישקייט און די תורה און נישט גיין דא אין שטוב אויף א וועג וואס ס'פאסט נישט פאר א יוד.

זיכער - האבן זיי געענטפערט - מיר זענען זייער מכבד די יידישע מענטשן און חלילה נישט טוהן זאכן וואס ס'שטערט אייך.

איך וויל אייך אויך בעטן איהר זאלט נישט מחלל שבת זיין דא אין שטוב - האט זי געבעטן.

מ'קען הערן דעם וואכעדיגן מאמר אויף די
"מחשבות ליין"
אין ענגלאנד 03300412861 (44+) אין ארץ ישראל 0772021021 (972+)
(באישור ועד הרבנים לעניני תקשורת)
שמעו ותחי נפשכם



# דבר העורך

די גמרא דערציילט אז ווען משה רבינו איז ארויף אין הימל נעמען די תורה, האבן די מלאכי השרת זיך געטענה'ט "מה לילוד אשה בינינו" – וואס האט דא א מענטש צו זוכן, האט דער אייבישטער זיי געזאגט אז ער איז געקומען נעמען די תורה.

האבן די מלאכי השרת געטענה'ט די הייליגע תורה וואס איז באשאפן אזוי פיל צייט פאר די וועלט און ס'איז אזוי הייליג גייסטו אראפ ברענגען צו מענטשן אין אזא נידעריגע וועלט? "מה אנוש כי תזכרנו" – וואס איז דער מענטש בכלל ווערט מ'זאל זיך רעכענען מיט אים?

האט זיי משה רבינו געענטפערט "כלום יצר הרע יש ביניכם" האט איהר דען א יצר הרע? האט איהר דען שוועריגקייטן און נסיונות וואס איהר קענט זיך מתגבר זיין אויף דעם?

מ'דארף דא פארשטיין וואס איז געווען די טענה פון די מלאכים און ווי אזוי איז דאס געווארן פארענטפערט מיט'ן תירוץ פון משה רבינו?

די גמרא דערציילט אז ר' יוסף האט געחלש'ט, ווען מ'האט אים אויף געוועקט האט ער דערציילט פאר זיין טאטע רבי יהושע אז ער איז שוין געווען אין עולם האמת, און ער האט געזעהן דארט אינגאנצן א פארקערטע וועלט, "עליונים למטה ותחתונים למעלה" די וואס זענען דא אויבן זענען דארט אונטען און די וואס זענען דא אונטן זענען דארט אויבן.

און ווי אזוי האסטו אונז געזעהן? – האט אים זיין טאטע געפרעגט.

אונז זענען געווען אויבן פונקט אזוי חשוב אזוי ווי דא אונטן.

אויבן האסטו געזעהן א גלאכע וועלט - האט אים זיין טאטע געענטפערט - דא אין עולם הזה איז די פארקערטע וועלט.

דאס איז געווען די טענה פון מלאכי השרת צום אייבישטער ווי אזוי געבסטו די תורה פאר די יודען זיי לעבן דאך אין א פארקערטע וועלט, ווי אזוי קען מען דארט מקיים זיין תורה און מצוות.

האט זיי משה געענטפערט, טאקע דאס איז די סיבה פארוואס אונז באקומען די תורה, טאקע וועגן די פראבלעמען, טאקע ווייל ס'איז א קרומע וועלט האבן אונז באקומען די תורה. אז דורך די תורה און די מצוות קען מען אויסגלייכן און פארעכטן די קרומקייט פון די וועלט, ווען אלעס אין די וועלט וואלט געווען גלאט, אזוי ווי אויבן אין הימל וואלט מען טאקע נישט געדארפט די תורה דא אונטן.

און דאס האט אויך ר' יוסף געזאגט פאר זיין טאטע אונז זעהן אויס אויבן פונקט אזוי ווי דא אונטן, ווייל דורך די תורה וואס אונז לערנען און די מצוות וואס אונז טוהן האבן אונז אויס געגלייכט אונזער וועלט.

א מענטש שטייט אסאך מאל אין א מצב וואס ער זאגט צו זיך, ווען ס'וואלט נאר אביסל גרינגער געווען מיט די נסיונות ווען די לעבן וואלט אביסל בעסער געווען וואלט איך דאך געשטיגן אין עבודת השם, אבער די אמת איז אז דער אייבישטער זוכט דווקא דאס דווקא די עבודה וואס קומט פון די שווערע מצבים דווקא די עבודה וואס קומט אין די קרימע צייטן, נאר אזוי קען מען אויסגלייכן און פארעכטן די וועלט, וואס דאס איז אונזער גאנצע תכלית דא אויף די וועלט.

"אשר ברא אלוקים לעשות" – דער אייבישטער האט אונז דא באשאפן צו טוהן, און פארדעם זענען מיר דא אויס צו גלייכן די קרימע וועלט דורך אונזערע תורה און מצוות.

**א גוטן שבת**

איהר קענט זיין רוהיג - האבן זיי געענטפערט מיט א ברייטקייט - דא אין הויז וועט נישט זיין קיין שום חילול שבת.

מיר ווייסן ווי חשוב יידישקייט איז - האט דער טאטע צו געלייגט - און מיר זענען זייער מכבד ערליכע יודן.

די מאמע איז ארויס אביסל רוהיגער פון די שכנים און געהאפט אז זיי וועלן טאקע מקיים זיין וואס זיי זאגן.

שבת איז אנגעקומען, און ביי די שכנים האט מען נישט געזעהן א זכר צו א שבת, אלעס גייט ווי נארמאל, זיי קאכן און באקן, און טוהן אלעס פונקט אזוי ווי אין א וואכן טאג.

וואס טוהט מען - האט די רעבעצן געקלאגט - ווי אזוי לעבט מען מיט אזעלכע מענטשן אין איין שטוב, איך קען דאס נישט פארטראגן.

מאמע, לאז מיר מאכן סדר - האט זיך אנגערופן איהר זוהן שלמה'לה - נאך שבת וועל איך רעדן מיט אים.

נאך שבת איז שלמה'לה (לימים דער באוואוסטער גאון רש"ז אויערבאך) צו געגאנגען רעדן מיט'ן שכן.

מיר האבן דאך אפ געמאכט אז דו וועסט נישט מאכן חילול שבת דא אין הויז - האט אים שלמה זלמן געטענה'ט.

ריכטיג, און דאס האב איך טאקע געטוהן - האט אים דער שכן געענטפערט - איך האב זייער מכבד געווען סיי ענק און סיי דעם שבת.

ווי אזוי האסטו מכבד געווען דעם שבת אויב דו האסט געקאכט שבת? - האט שלמה'לה געפרעגט.

וואס?! מ'מעג נישט קאכן שבת? - האט זיך דער שכן געוואונדערט - איך האב נישט געוואוסט.

וואס ווייסטו יא אויף שבת? - האט אים שלמה'לה געפרעגט.

שבת טוהט מען אן שיינע קליידער און מ'עסט גוטע זאכן - האט דער שכן געענטפערט - איך האב קיינמאל נישט געהערט עפעס אנדערש אויף שבת.

איך האב קיינמאל נישט געלערנט אויף די יידישע לעבן - האט ער צוגלייגט מיט טרויער.

איז פארוואס האסטו געזאגט מיין מאמע אז די ווייסט ווי חשוב יידישקייט איז און דו ביסט דאס זייער מכבד - האט שלמה'לה געפרעגט.

דאס איז א לאנגע מעשה - האט זיך דער שכן אוועק געזעצט און אנגעהויבן צו דערציילן.

איך האב געוואוינט אין וויען פאר די ערשטע וועלט'ס קריג, מיינע עלטערן זענען געווען פון די משכילים און מיר האט מען געשיקט לערנען אין א גויישע שולע, פונקט אזוי ווי יעצט האב איך שוין דעמאלס אויך גארנישט געוואוסט וועגן יידישקייט, איך האב נאר געוואוסט אז איך בין א יוד אבער איך האב נישט געוואוסט וואס דאס מיינט צו זיין א יוד.

ווען ס'האט אויס געבראכן די ערשטע וועלט'ס קריג, האט מען מיר מיט נאך אסאך יונגע בחורים גענומען אין מיליטער מלחמה צו האלטן פאר אונזער לאנד, מיט מיר צוזאמען אין די גרופע זענען געווען נאך יונגע מענטשן פון מיין געגנט און אויך א פאר יידישע מענטשן.

די מלחמה האט זיך געצויגן לאנג, מיר זענען אריין טיף אין די פראנט דארט ביי די פראנט איז דער מצב געווען שרעקלעך.

שטעל זיך פאר, דו ליגסט אויף די ערד, האלב צו געדעקט מיט זאמד מ'זאל דיר נישט קענען זעהן, און דו שיסט צו די אנדערע זייט, און אויף די אנדערע זייט ליגט אויך א סאלדאט האלב צו געדעקט מיט זאמד און שיסט אויף דיר, נישט איך און נישט ער ווייסן פארוואס מ'שיסט, נישט איך און נישט ער ווילן נישט הרגענען אבער ווילן אויך נישט ווערן געהארגעט, קיינער פון די סאלדאטן וויל דאס נישט אבער יעדער מוז דאס מאכן.

און אזוי א טאג נאך א טאג ליגט מען אויף די ערד, די ריקן טוהן וויי, אויסגעהינגערט און געפרוירען, אין א שרעקליכע סכנה, חברים ווערן געהארגעט פון אלע זייטן, און מ'האלט מלחמה פאר גארנישט.

דאס איז זייער א שווערע מצב פאר יעדער איינער, די סאלדאטן דרייען זיך נערוועיז און אנגעצויגן, קיינער ווייסט נישט פארוואס ער איז בכלל דא און קיינער ווייסט נישט אויב ער וועט נאך מארגן זיין אויף די וועלט.

אין איינע פון די הפסקות וואס ס'איז געווען ביי די מלחמה בין איך געזעצן אין א ווינקל איינגעזינקען אין מיין וויטאג, טרערן זענען מיר ארויף געקומען ווען איך האב באטראכט וואס ס'גייט פאר מיט מיר אויף די וועלט.

נישט ווייט פון מיר האב איך געזעהן א גרופע פון סאלדאטן, יידישע מענטשן זיי זענען געשטאנען מיט א קליינע ביכעל און געזאגט עפעס, זיי האבן זיך געשאקלט און א חלק זענען געווען מיט פארמאכטע אויגן, איך האב נישט פארשטאנען וואס זיי טוהן, אלע מאל האב איך מיך אויסגעלאכט פון זייערע מאדנע זאכן.

אבער וואס איך האב באמערקט - דערציילט דער שכן ווייטער - אז ווען זיי האבן געענדיגט האבן זיי אויסגעזעהן ממש אויפגעלעבטע מענטשן, זיי האבן אויסגעזעהן אזוי ווי זיי זענען נאך א גוטע סעודה אדער נאך א גוטע שלאף, רוהיג לעבעדיג און אפילו מיט א שמייכל.

ווי אזוי קען דאס זיין - האב איך מיך געוואונדערט - וואס טוהן זיי דארט מיט די קליינע ביכער?

די נעקסטע געלעגנהייט בין איך צו געגאנגען צו איינער פון די יידישע סאלדאטן.

איך בין אויך א יוד - האב איך אים געזאגט - וואס טוהט איהר דארט ביי די הפסקה מיט די ביכער? וואס זאגט מען דארט עפעס זאכן וואס מאכט אייך אזוי פריש און אויף געלעבט.

מיין טייערע ברודער - האט מיר יענער סאלדאט געזאגט - דו ביסט זייער פארביטערט ווייל דו ווייסט נישט פארוואס דו ביסט דא, דו ביסט זייער צובראכן פון דיין שלעכטער מזל וואס האט דיך דא אהער געברענגט, אבער מיר האבן א באשעפער און מיר ווייסן אז גארנישט איז נישט א שלעכטע מזל און נישט א צופאל, אלעס איז אויסגערעכנט פון הימל, און ווען אונז דאווענען און שטארקן זיך מיט אמונה האבן אונז כח ביי צו שטיין אלע שוועריגקייטן.

ער האט מיר נאך א פאר זאכן ערקלערט אבער איך האב נישט אלעס פארשטאנען, איך האב נאר פארשטאנען אז ס'איז דא א באשעפער, און ער פירט די וועלט און ער איז דער איינציגער וואס קען מיר ארויס העלפן.

איך האב נישט געהאט צו פיל צייט צו רעדן מיט אים ווייל מ'האט געמוזט שנעל צוריק גיין צו די פלעצער דער פיינט האט אנגעהויבן צו שיסן.

איך האב מיך אראפ געלייגט אויף די ערד און גענומען שיסן אזוי ווי יעדן טאג.

טראכטנ'דיג וואס דער יידישער סאלדאט האט מיר געזאגט, האב איך אנגעהויבן צו רעדן מיט דער אייבישטער:

רבונו של עולם - האב איך גערעדט - נאר יעצט בין איך דערוואוסט געווארן פון דיר, איך האב גארנישט געוואוסט איבער דיר, און איך ווייס יעצט אויך נישט אסאך, קיינער האט מיר קיינמאל נישט אויסגעלערנט אויף דיר, איך בין נישט שולדיג, אבער יעצט אז איך האב געהערט אז דו ביסט דא, איך האב אפילו נישט געהאט צייט בודק צו זיין אויב יענער סאלדאט איז טאקע גערעכט.

איז יעצט אייבישטער - האב איך מיך צווויינט - אויב דו ביסט דא בעהט איך דיר זאלסט מיר שיקן א סימן, שיק מיר א סימן איך זאל ווייסן אז דו ביסט דא.

ווייסט וועלכע סימן איך בעהט דיר, מאך איך זאל ווערן פארלעצט אין די מלחמה און קענען צוריק אהיים פארן, אבער נישט אויף א סכנה'דיגע אופן, מאך נאר ס'זאל מיר עפעס געשעהן פאר מיין פינגער איך זאל נישט קענען ווייטער שיסן וועט מען מיר באפרייען.

און אזוי ליג איך אויף די ערד שיסנ'דיג און וויינענדיג, איך קוק אפילו נישט ווי איך שיס מיינע אויגן זענען פיל מיט טרערן.

און פלוצלינג, פלאצט א באמבע לעבן מיר, אזוי נאנט אז איך בין געפלויגן פון דעם, איך האב מיך אנגעפילט מיט בלוט, ווען ס'איז שטיל געווארן האב איך מיך אויפגעהויבן און זיך גערייניגט, איך בין געבליבן לעבן און ס'איז מיר גארנישט געשעהן, חוץ פון מיין פינגער.

דער שכן מאכט אויף די האנט און ווייזט פאר שלמה'לה זיין האנט, איין פינגער פעלט "אצבע אלוקים היא" - א געטליכע תשובה פון דער אייבישטער.

אפאר טעג שפעטער בין איך באפרייט געווארן פון די מיליטער, איך בין אהיים געפארן מיט א שטארקע החלטה אז איך גיי לערנען תורה און ווערן א ערליכער יוד, איך האב דאך געזעהן דעם אייבישטער אליין פאר מיינע אויגן, וואס דארף איך מער פון דעם.

איך בין געווען פיל מיט התלהבות, און ס'האט געברענט אין מיר דער רצון צו זיין א ערליכער יוד.

ווען מיינע עלטערן האבן געהערט די גאנצע מעשה האבן זיי זיך נישט געדינגען מיט מיר.

ווילסט גיין לערנען תורה, גיי געזונטערהייט - האט מיר מיין טאטע געזאגט - אבער, נאר איין בקשה האב איך צו דיר, דו האסט דאך אנגעהויבן פאר די מלחמה צו לערנען דאקטאריי, דו האסט נאך א האלבע יאהר צו ענדיגן, גיי ענדיג צו לערנען דו וועסט האבן א פאך אין די האנט און שפעטער לערן תורה וויפיל דו ווילסט.

ליידער - דערציילט דער שכן - האב איך מיך געלאזט איינרעדן, און איך בין געגאנגען אין קאלעדז ענדיגן די לערנען, פון טאג צו טאג איז מיין ברען שוואכער געווארן און נאך אפאר חדשים בין איך שוין געווען אינגאנצן פארלאשן.

# שאלות ותשובות

**שאלה: איך בין זייער נישט צופרידן פון מיין מצב אין ישיבה, אויך אינדערהיים שטערט מיר זייער אסאך זאכן, איך פארשטיי אז נישט אלעס קען גיין אזוי ווי איך וויל, אבער ווי אזוי קען איך זיין צופרידן ווען ס'גייט נישט אזוי ווי איך וויל?**

## תשובה חלק ב':

לעצטע וואך זענען מיר געקומען צו די מסקנא אז די צופרידנהייט האט נישט צו טוהן מיט וואס דער מענטש האט אדער מיט וואס ס'פעלט אים, נאר דאס האט צו טוהן מיט דעם בליק פון דעם מענטש אויף דאס וואס ער האט.

יעצט וועלן מיר זעהן ווי אזוי ווערט דער בליק פון דעם מענטש.

די מחשבה פון דעם מענטש האט זייער א גרויסע כח אויף דעם מענטש, דער בעל שם הקדוש פלעגט זאגן "ווי די מחשבה פון דעם מענטש איז דארט איז דער מענטש", ווען א מענטש איז פארטראכט אין א זאך איז ער ממש אין דעם זאך און ער קען ממש שפירן אזוי ווי ער איז דארט.

די מחשבה האט צוויי וועגן ווי אזוי זי דרייט זיך:

א. די פאזעטיווע וועג. א מענטש וואס דרייט זיך מיט א גוטע מחשבה, איז אויף געלעבט און שפירט אין זיך א ברייטקייט, דער מענטש שפירט זיך גוט מיט זיך, און אויך ווען ס'געשעהט לעבן אים עפעס נישט אזוי גוט ווערט עס אוועק געווישט און ס'כאפט נישט צו פיהל פלאץ.

ב. די נעגעטיווע וועג. א מענטש וואס דרייט זיך מיט פאר'דאגה'טע מחשבות מיט א צובראכנקייט אין זיך, שפירט זיך אינעווייניג זייער שלעכט, און יעדע קליינע זאך וואס וועט נישט קלאפן אזוי ווי ער וויל וועט ווערן אנגעבלאזן צעהן מאל מעהר פון וואס דאס איז.

די צוויי וועגן ווי אזוי צו טראכטן דאס איז למעשה דער מענטש, יעדער מענטש האט איינע פון די צוויי וועגן אין יעדע מינוט פון זיין לעבן, און לויט דעם שפירט ער וואס ער שפירט ווען ס'געשעהט עפעס ביי אים.

למעשה, ביידע מחשבות סיי די גוטע און סיי די שלעכטע, זענען נישט די אמת'דיגע מציאות וואס ס'איז געשעהן, דאס איז נאר די טייטש ווי אזוי דער מענטש זעהט וואס איז געשעהן.

לאמיר זיך פארשטעלן צוויי חברים גייען ארויס אויף א שפאציר אין א שיינע טאג, איינער נעמט מיט זיך טינקעלע גלעזער כדי זיך צו היטן פון די זון. דער צווייטער נעמט אויך גלעזער אבער נישט טונקעלע נאר געלע ברילען.

זיי גייען שפאצירן צוזאמען אין א שיינע פלאץ, און דער ערשטער רופט זיך אן, אפשר איז דאס נישט געווען א גוטע געדאנק היינט ארויס צו גיין א שפאציר, אזא שווארצע און א טונקעלע טאג, אלעס איז אזוי פארשווארצט, ס'איז נישט געשמאק צו שפאצירן אין אזא טאג.

זאגט אים זיין חבר, וואס רעדסטו, דאס הייסט א שווארצע טאג?! אזא שיינע טאג אלעס איז אזוי לעכטיג און גלאנצעדיג, ווי קענסטו נאך טרעפן א שענערע טאג פון היינט? אויב דאס הייסט ביי דיר טונקעל איז וואס הייסט לעכטיג?

ווער פון זיי איז גערעכט? ביידע נישט! פארוואס? ווייל זיי האבן נישט געזעהן די ריכטיגע מציאות, זיי האבן געזעהן די מציאות דורך זייערע גלעזער אין נישט די אמת'דיגע אופן וואס דאס איז.

יעדער מענטש זעהט די וועלט לויט די עיני הדעת וואס ער האט, לויט די מחשבה וואס פירט אים יעצט, ווען א מענטש דרייט זיך מיט די נעגעטיווע מחשבות, וועט ער טייטשן יעדע זאך וואס פאסירט ארום אים אויף די שלעכטע וועג, און ווען א מענטש וועט טראכטן אויף די גוטע וועג וועט די אלע זאכן וואס ער זעהט אוטאמאטיש ווערן געטייטשט אויף די גוטע וועג וממילא וועט ער זיין צופרידן און פריילעך.

א יונגערמאן מיט צעהן קינדער האט געוואוינט אין א דירה פון צוויי צימערן,

ער האט דאס נישט געקענט מער אויסהאלטן, האט ער געשריבן א קוויטל צו זיין רבי, אז ס'איז איהם זייער ענג אין שטוב, און ער קען דאס מער נישט אויסהאלטן און ער ווייסט נישט וואס צו טוהן ער שפירט זיך ממש און גהינום נישטא ווי צו לייגן א פיס אינדערהיים, ווי ער גייט טרעט ער אויף עפעס אדער אויף איינעם. נישטא קיין בענקל ווי זיך אראפ צו זעצן אויף איין מינוט. ער ווערט שוין פשוט משוגע פון דעם מצב און ער קען נישט מער אזוי לעבן.

האט איהם דער רבי צוריק געשריבן:

מיין טייערער יונגערמאן, פון דעם בריוו האב איך פארשטאנען אז דו האסט געטראפן ב"ה א גיטע שידוך אן א פיינע און א געזונטע פרוי, ווייל איך דיר ווינטשן אויף דעם א הערצליכע מזל טוב, פון דעם בריוו האב איך אויך פארשטאנען אז א יאהר נאך די חתונה האסטו באקומען א קינד, א געזונטע קינד, ווייל איך דיר ווינטשן אויף דעם א מזל טוב זאלסט האבן פון אים אסאך יידיש נחת.

נאך האב איך פארשטאנען פון דיין בריוו אז די האסט ב"ה געהאט באקומען א שיינע נדן פון די עלטערן און געקענט מיט דעם קויפען א אייגענע דירה, איך האב מיך זייער געפרייט פאר דיר און איך וואונטש דיר זאלסט האבן אסאך שיינע און זיסע יאהרן מיט אסאך שמחות אין די דירה, פון די בריוו ווייטער פארשטיי איך אז ב"ה די האסט טאקע געמאכט אסאך שמחות אין די דירה, דו האסט געהאט א קינד און א צווייטע קינד און א דריטע קינד און א..... איך פריי מיך זייער פאר דיר אז דו האסט זוכה געווען ב"ה צו אזוי פיל שמחות, זאלסט ווייטער האבן שמחה און נחת פון אלע דיינע קינדער.

נאך האב איך פארשטאנען אז די דירה איז שוין יעצט צו קליין און דו דארפסט א גרעסערע, נו, דער זעלבער אייבישטער וואס האט דיר ביז יעצט געהאלפן וועט דיר זיכער ווייטער העלפן צו האבן א גרעסערע דירה.

האט דער רבי עפעס פאלש געשריבן? ניין! נאר וואס, ער האט אים אוועק געריקט דעם פאקוס פון וואס איך האב נישט צו וואס איך האב יא, אריבער געפיהרט די מחשבה פון די נעגעטיווע זייט צו די פאזעטיווע זייט.

ווען די מחשבה פון דעם מענטש איז איינגעשטעלט פאזעטיוו, איז דער מענטש אויף געלעבט, ער איז פיל מיט חיות און יעדע זאך וואס ער טוהט ווערט אויך געטוהן מיט א לעבעדיגקייט וממילא גייט אים אלעס בעסער, די זאכן וואס ער טוהט איז מער מצליח, וממילא איז ער מעהר צופרידן פון זיך, א. א. וו. ציהט זיך א קייט פון הצלחה.

אבער, ווען דער מענטש דרייט זיך מיט שלעכטע מחשבות אויף זיין שלעכטן גורל אין לעבן, די מחשבה לעשט אויס אין אים די גאנצע לעבעדיגקייט, אויך די זאכן וואס ער מאכט שוין יא, מאכט ער אויף א פארלאשענע וועג, אויף יוצא צו זיין, וואס קומט ארויס פון דעם? פונקט אזוי ווי ער האט דאס געמאכט, א פארשלאפענע זאך, וממילא זעהט ער נישט קיין הצלחה און דאס וואס ער האט געטוהן, דאס ברענגט אים ווייטער צו זיין נאך מעהר נישט צופרידן פון זיך, ער האט דאך יעצט א ראיה אז ער איז גערעכט און ער טויג נישט א. א. וו. און אזוי ציהט זיך ווייטער די קייט פון כשלונות.

אדם און חוה האבן געלעבט אין גן עדן ס'האט זיי גארנישט געפעלט זיי זענען געווען גליקלעך און צופרידן, איין איינציגע מצוה האבן זיי געהאט, נישט עסן פון עץ הדעת, און ס'האט זיי גארנישט געפעלט, ס'איז געווען אויך אזוי גענוג וואס צו עסן.

וואס האט דא דער נחש געמאכט?

ער קומט צו חוה און פרעגט איר, ס'איז ריכטיג אז דו מעגסט נישט עסן פון דעם בוים?

יא, ריכטיג - ענטפערט חוה.

פארוואס? - פרעגט דער נחש.

ווייל אויב אונז וועלן עסן פון דעם וועלן אונז שטארבן - ענטפערט חוה - דער אייבישטער וויל אונזערע טובה, האט ער אונז געזאגט נישט צו עסן פון דעם.

לאמיר דיר געבן נאך א אנדער פשט פאר די מצוה - זאגט איר דער נחש - דער אייבישטער האט דיר פיינט און ער וויל נישט אז די זאלסט זיין אזוי ווי אים, ער וויל נישט אז די זאלסט קענען בויען אזא שיינע וועלט אזוי ווי ער האט געבויעט, וועגן דעם האט ער דיר געזאגט נישט עסן.

וואס האט דא דער נחש געטוהן? ער האט געטוישט איהר בליק פון "מ'מיינט דיין טובה" צו "מ'האט דיר פיינט", פון א פאזעטיווע בליק צו א נעגאטיווע בליק.

וואס איז ארויס פון דעם?

אדם און חוה האבן געגסן פון דעם עץ הדעת און אראפ געברענגט טויט אויף די וועלט, און פון דעמאלס ביז היינט האט יעדער מענטש די זעלבע מלחמה אין זיך די גאנצע לעבן.

עס פאסירן זאכן אויף דער וועלט, יעדער מענטש האט זאכן וואס פאסירן ארום אים. איז דאס גוט אדער שלעכט? דאס ווענט זיך אין דיין בליק, דו קענסט דאס טייטשן אז מ'האט דיר פיינט און מ'מיינט דיין שלעכט וממילא וועסטו זיין נישט צופרידן און פארביטערט אויף די גאנצע וועלט, וממילא וועסטו זיך פירן ווי א פארביטערטער מענטש, און דאס וועט ברענגען נאך און נאך פארביטערקייטן וכו' וכו'.

און דו קענסט טייטשן אז ס'איז נישט אזוי געפערלעך, ס'מיינט נישט דיין שלעכט, קיינער וויל דיר נישט אפ טוהן, ס'איז דא אויך גוטע זאכן אין דעם וואס איז געשעהן, און דו זיכסט צו טייטשן די זאך וואס איז געשעהן אויף א גוטע וועג אפילו ס'איז נישט מסתבר, וואס געשעהט דעמאלס? דו שפירסט זיך גוט מיט דיר, וממילא איז דיינע אויף פיהרן אויף דעם וואס ס'איז געשעהן מיט א שיקול הדעת מיט חכמה מיט רוהיגקייט, וממילא קומט עס בעסער ארויס א. א.א וו.

ווי אזוי מאכט מען דאס למעשה? נעקסטע וואך אי"ה.

## המשך מעמוד ב'

די גרויסע חשק וואס איך האב געהאט האט זיך אינגאנצן אפ געקילט, מיין קאפ איז געווארן אינגאנצן פארשטאפט, אין נאך א האלבע יאהר ווען איך בין אריין אין ישיבה לערנען האב איך נישט געקענט מיט האלטן ס'איז געווען צו שווער פאר מיר.

זאלסו וויסן - האט דער שכן אויסגעפיהרט מיט טרערן - איך האב געהאט א געלעגנהייט, דער אייבישטער האט זיך אליין באוויזן צו מיר, ער האט מיר געעפנט דעם קאפ צו לערנען און צוריק צו קומען צו אים, אבער ס'איז געבליבן אין קאפ, איך האב דאס נישט אויסגעפיהרט למעשה, און איך האב אלעס פארלוירען.

ווען איך וואלט אויסגענוצט די געלעגנהייט וואלט איך היינט געקענט זיין א ערליכער יוד און אליין וויסן וואס הייסט שבת, אבער וויבאלד איך האב מיך פארשלעפט בין איך היינט א ערוואקסענע מענטש א טאטע פאר קינדער, און א יונגער בחור ווי דיר דארף מיר אויס לערנען וואס הייסט שבת - האט ער צו געענדיגט מיט טרערן.

ווען א יוד האט א התעוררות, ווען א יוד באקומט די געלעגנהייט מוז ער דאס אויס ניצן הלכה למעשה, און דאס אריין לייגן אין תורה און מצוות, אויב ס'וועט בלייבן נאר אין מחשבה און נאר אין קאפ וועט עס זייער שנעל פארלוירען גיין.

*

די תרי"ג מצוות וואס מיר האבן באקומען ביי קבלת התורה זענען מצוות מעשיות - מצוות וואס מ'טוהט, די תורה האט אונז געגעבן אן וויזונגען וואס צו טוהן און ווי אזוי צו טוהן, שפעטער קומט אויף דעם פארשידענע הסברים פארוואס מיר טוהן די מצוות וואס איז פשט פון יעדע מצוה און וואס זענען די רמזים און די סודות וואס ליגן אין יעדע מצוה, אבער די ערשטע זאך וואס מיר האבן באקומען איז די מעשה המצוה וואס צו טוהן און וואס נישט צו טוהן.

א מענטש קען פארשטיין זייער אסאך געהויבענע זאכן, א מענטש קען אנקומען צו זייער גרויסע הבנות און טיפקייטן און פארשידענע הנהגות ווי אזוי ס'פאסט זיך צו פירן און ווי אזוי נישט, אבער כל זמן דאס בלייבט ביים שכל און מ'טוהט גאר נישט מיט דעם הלכה למעשה, ווערט דאס פארלוירען און דער מענטש בלייבט מיט גארנישט.

ביי קריעת ים סוף איז כלל ישראל אנגעקומען צו די העכסטע מדרגה פון נאנטקייט צום אייבישטער, זיי האבן געקענט וויזן מיט'ן פינגער און זאגן "זה א-לי ואנוהו", זיי האבן געזעהן מראות אלוקים וואס אפילו נביאים האבן נישט געזעהן אלעס איז געווען קלאר פאר זיי, ס'איז קיינמאל נישט געווען א נענטערע מצב צווישן יודען צום אייבישטער.

זייער א קארצע צייט שפעטער איז פארגעקומען די גרויסע מלחמה מיט עמלק, ווי אזוי האט זיך אנגעהויבן די מלחמה? רש"י אין פרשת בשלח דערציילט אונז ווי אזוי, כלל ישראל האט געפרעגט "היש ה' בקרבנו אם אין" - איז דער אייבישטער מיט אונז אדער נישט? האט דער אייבשטער געזאגט איך האב אייך ערשט יעצט ארויס גענומען פון מצרים און באגלייט אייך מיט וואלקענעס אייך צו היטן און מיט מן און שליו אייך צו שפייזן און איהר פרעגט אויב איך בין דא? אויב אזוי? וועל איך אייך שיקן עמלק ער וועט מלחמה האלטן מיט אייך און דעמאלס וועט איהר זעהן אויב איך בין דא אדער נישט.

זאגט אונז רש"י יתרו האט זיכער געהערט די מעשה פון יציאת מצרים אזוי ווי די גאנצע וועלט האט געהערט, ס'איז געווען באוואוסט אין די גאנצע וועלט, יתרו האט קלאר אנערקענט און פארשטאנען די גרויסקייט פון דער אייבישטער, דורך די גרויסע ניסים פון יציאת מצרים.

אבער "מה שמועה שמע ובא" וואס האט ער געהערט וואס האט געמאכט קומען? זאגט רש"י קריעת ים סוף ומלחמת עמלק, ער האט געהערט די גרויסע גילויים וואס כלל ישראל האט געהאט ביי קריעת ים סוף, און ווי אזוי זייער קארץ נאכדעם האבן זיי געפרעגט "היש ה' בקרבנו" און געברענגט אויף זיך עמלק, האט ער פארשטאנען פון דעם אז ס'איז נישט גענוג צו זעהן גרויסע, זאכן ס'איז אויך נישט גענוג צו פארשטיין מיט'ן שכל אז ס'איז דא א באשעפער, אויב ס'בלייבט דארט קען מען זייער שנעל אראפ פאלן צוריק, וויסן איז נישט גענוג מ'דארף טוהן למעשה, וועגן דעם איז יתרו אויף געשטאנען און געקומען.

ווען ער האט דאס פארשטאנען און זיך מגייר געווען האט מען אים צו געלייגט א "ואו" צו זיין נאמען, דווקא א "ואו" וואס דאס מיינט דעם "ואו החיבור" דער ואו טוהט באהעפטן צווישן זאכן, פונקט אזוי ווי יתרו האט מחבר געווען - באהאפטן די מחשבה מיט די מעשה, און ארויס גענומען די ריכטיגע מסקנא און זיך געקומען מגייר זיין.

ווען משה רבינו קומט אראפ פון בארג סיני און וויל געבן די תורה פאר כלל ישראל, הייבט משה רבינו אן מיט א הקדמה זיי מסביר צו זיין צו וואס דארף מען א תורה מיט מצוות מעשיות מיט פשוטע מצוות פון לא תגנוב מיט לא תרצח וואס זיי גייען באקומען, זאגט זיי משה רבינו "אתם ראיתם את אשר עשיתי למצרים" איהר האט דאך אלע געזעהן די גרויסע ניסים פון יציאת מצרים און פונדעסוועגן האט איהר געהאט די שאלה פון "היש ה' בקרבנו" איהר זעהט דאך ווי אזוי א מענטש קען פאלן אויב ס'בלייבט נאר אין וויסן און ס'ווערט נישט למעשה, ממילא פארשטייט איהר פארוואס מ'דארף האבן א תורה פון מצוות וואס מ'טוהט למעשה.

און דאס איז אויך די סיבה אז די פרשה פון קבלת התורה הייבט זיך אן מיט יתרו, ווייל דאס איז א וויכטיגע הקדמה צו קבלת התורה, די גאנצע מעשה ווי אזוי יתרו הייבט זיך אויף און קומט אריין אין מדבר, נאך וואס ער האט אויך פארשטאנען אז פארשטיין און גלייבן איז נאך נישט גענוג, מ'דארף טוהן למעשה און נאר אויב מ'טוהט וואס מ'דארף ווערט מען אויס געארבעט און מ'קען זיין א ערליכער יוד אזוי ווי די תורה הייסט.

אויף דעם מהלך ווערט געטייטשט פון צדיקים דער פסוק אין שיר השירים "אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ", "אם תעירו ואם תעוררו" - אויב א מענטש האט א התעוררות און זיין הארץ עפענט זיך צום אייבישטער, "עד שתחפץ" - זאל ער מאכן פון דעם א חפץ ער זאל דאס אנטוהן אין פעולות דאס זאל האבן א קיום און דאס זאל זיך קענען ווייטער שטארקן אין אים.

לעילוי נשמת
האשה החשובה ברכה
מלכה בת ר' חיים ע"ה
חמשה עשר בשבט תשנ"ג
ת. נ. צ. ב. ה.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW